**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 5/16/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט 8 מיליאן דאלאר יעצט דא צו פארטיילן פאר 'קלימאט-קלוגע' קאמיוניטי פראיעקטן

***גרענט פינאנצירונג העלפט לאקאלע רעגירונגען אננעמען גרינע אינפראסטרוקטור, שעדליכע גאז עמיסיע רעדוקציעס און שטורעם באפעסטיגונג איניציאטיוון***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז 8 מיליאן דאלאר איז יעצט דא צו פארטיילן פאר דעם 'קלימאט-קלוגע קאמיוניטיס גרענט' (Climate Smart Communities Grant) פראגראם צו העלפן לאקאלע רעגירונגען אונטערנעמען שריט צו אדרעסירן קלימאט טויש. פינאנצירונג איז דא פאר פראיעקטן וועלכע רעדוצירן שעדליכע גאז עמיסיעס און וועלכע מאכן צופאסונגען צו די אנגייענדע השפעות פון קלימאט טויש. בארעכטיגטע פראיעקטן קענען אריינרעכענען אזעלכע וועלכע פארקלענערן די סכנה פון פארפלייצונגען; פארגרעסערן נאטורליכע באפעסטיגונג; רוקן אדער פאסן צו קריטישע אינפראסטרוקטור; און קלימאט טויש פלאנירונג און אפשאצונג פראיעקטן אלץ טייל פון א באמיאונג צו אנערקענט ווערן אלץ 'קלימאט-קלוגע קאמיוניטיס'.

"אזוי ווי מיר זעצן פאר צו זעהן די השפעות פון קלימאט טויש און עקסטרעמע וועטערס, איז די באדייטנדע פינאנצירונג דורך ניו יארק'ס קלימאט-קלוגע קאמיוניטיס פראגראם קריטיש צו שטיצן לאקאלע באמיאונגען וועלכע באשיצן איינוואוינער און פארשטערקערן אינפראסטרוקטור," **האט גאווערנער האקול געזאגט.**"די גרענטס וועלן העלפן באפולמעכטיגן לאקאל-געטריבענע אמביציעזע שריט צו העלפן נאכקומען ניו יארק'ס אמביציעזע קלימאט ציהלן בשעת'ן אויפבויען באפעסטיגטע קאמיוניטיס וועלכע ווערן א מוסטער פאר אנדערע לאקאלע רעגירונגען צו נאכפאלגן אין זייערע טריט."

אויפגעשטעלט אין 2016, איז די סטעיט דעפּארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג'ס קלימאט-קלוגע קאמיוניטיס גרענט פראגראם א 50/50 מעטשינג פאָנדס פראגראם. עס שטיצט מוניציפאליטעטן וועלכע זוכן צו ווערן סערטיפייד ׳קליימעט סמאַרט׳ קאמיוניטיס און איינפירן פראיעקטן וועלכע פירן פאראויס די סטעיט׳ס קלימאט צילן דורך רעדוצירן גרינהויז גאז ארויסלאז, לינדערן פלייצונג ריזיקע, און העלפן זיך גרייט מאכן פאר עקסטרעמע וועטער. דער פראגראם שטיצט דעם 'קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג געזעץ' (Climate Leadership and Community Protection Act, 'קלימאט געזעץ') וואס פאדערט אז ניו יארק זאל רעדוצירן שעדליכע גאז עמיסיעס 85 פראצענט אונטער 1990 שטאפלען ביז 2050. זינט דער פראגראם האט זיך אנגעהויבן האט די DEC פארטיילט איבער 60 מיליאן דאלאר פאר לאקאלע רעגירונגען אין שטיצע פון לאקאלע קלימאט סכנה-פארקלענערונג און צופאסונג פראיעקטן. מער אינפארמאציע איבער דעם גרענט פראגראם און די 2023 איינלאדענונג פאר אפליקאציעס זענען פארעפנטליכט אויף די DEC'ס וועבזייטל.

**דעפּארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג קאמישאנער, בעזיל סעגאָוס, האט געזאגט,** "ניו יארק'ס קאמיוניטיס געפונען זיך אויף די פראנט ליניעס פון אונזער קאמף צו אדרעסירן קלימאט טויש, און

די DEC'ס קלימאט-קלוגע קאמיוניטיס פראגראם שטעלט צו קריטישע מיטלען צו העלפן לאקאלע רעגירונגען רעדוצירן שעדליכע גאז עמיסיעס, אינוועסטירן אין ריינע ענערגיע מקורות און רעדוצירן מיסט. א דאנק גאווערנער האקול'ס פירערשאפט וועט די קומענדיגע רונדע פון די באדייטנדע גרענט פינאנצירונג צושטעלן ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג אינוועסטירונגען אין קאמיוניטיס אריבער די סטעיט, און עס וועט שטיצן לאקאלע רעגירונגען ביים זיך אנשליסן אין ניו יארק'ס אמביציעזע באמיאונגען צו באקעמפן קלימאט טויש, רעדוצירן ענערגיע קאסטן און אויפבויען געזונטערע און מער שטאנדהאפטיגע קאמיוניטיס."

**ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט (New York State Energy Research and Development Authority, NYSERDA) פרעזידענט און CEO, דאָרין מ. העריס, האט געזאגט,** "קלימאט-קלוגע קאמיוניטיס איז א קריטישע שטיצע מיטל פאר לאקאלע רעגירונגען אין דעם קאמף קעגן קלימאט טויש, זייי העלפנדיג אננעמען א גרינערע מארגן דורך א ברייטע רייע פון אפציעס. מיר זענען שטאלץ צו ארבעטן מיט די DEC אויף דעם וויכטיגן פראגראם איבערן סטעיט וואס ארבעט צוזאמען מיט NYSERDA'ס 'ריינע ענערגיע קאמיוניטיס' (Clean Energy Communities) פראגראם כדי צו צושטעלן די מאקסימאלע מיטלען צו קענען רעדוצירן פארפעסטיגונג און פארמערן ענווייראמענט-פריינטליכקייט בשעת'ן פארזיכערן אז אלע ניו יארקער בענעפיטירן פון אונזער אריבערגאנג צו אן עקאנאמיע פון ריינע ענערגיע."

ביז אזויפיל ווי 7 מיליאן דאלאר איז דא צו באקומען פאר גרענטס צווישן $50,000 און 2 מיליאן דאלאר כדי צו דורכפירן פראיעקטן וועלכע קענען אריינרעכענען:

- רעדוצירן מיילן געפארן אין קארן;
- רעדוצירן עסנווארג מיסט;
- רעדוצירן hydrofluorocarbon עמיסיעס פון פרידזשידערס און אנדערע קילונג עקוויפמענט;
- פארשטערקערן נאטורליכע באפעסטיגונג דורכן צוריקברענגען אדער אפהיטן זומפען און שטחים ארום טייכן;
- פארקלענערן סכנות פון צוקונפטיגע פארפלייצונגען, אריינרעכענענדיג דורכן אריבערפירן אדער איבערמאכן קריטישע אינפראסטרוקטור;
- זיך גרייטן פאר עקסטרעמע וועטערס; און
- ריינע ענערגיע פראיעקטן אין האוזינג דעוועלאפמענטס פאר מענטשן מיט נידעריגערע איינקונפט אין אייגנטום פון לאקאלע רעגירונגען.

אין צוגאב איז ביז אזויפיל ווי 1 מיליאן דאלאר דא צו באקומען פאר סערטיפיקאציע גרענטס פון צווישן $10,000 און $200,000 יעדע איינס, צו פלאנירן, פארשאפן עקוויפמענט און אפשאצן פראיעקטן וועלכע זענען אין איינשטימונג מיט 19 ספעציפישע קלימאט-קלוגע קאמיוניטיס סערטיפיקאציע שריט אין די הינזיכטן פון שעדליכע גאז פארמינערונג, זיך צופאסן צו די קלימאט און באנוץ פון לאנד.

**אפליקאציעס מוזן אריינגעגעבן ווערן ביז 3 נאכמיטאג אום יולי 28, 2023**. צו אפּלייען פאר די לעצטע רונדע פון גרענטס, באזוכט די ניו יארק סטעיט קאָנסאָלידיטעד פאַנדינג אפליקאציע (CFA) וואס איז אוועילעבל אויף די אינטערנעט: [https://apps.cio.ny.gov/apps/cfa/](https://apps.cio.ny.gov/apps/cfa/)

דער קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג געזעץ ('קלימאט געזעץ') פארלאנגט אז ניו יארק'ס שוואכערע קאמיוניטיס זאלן באקומען צום ווייניגסטנס 35 פראצענט – מיט א ציהל פון 40 פראצענט – פון די בענעפיטן פון די שפענדונגען אויף ריינע ענערגיע און ענערגיע-שפארזאמקייט פראגראמען. די 'קלימאט גערעכטיגקייט ארבעטס גרופע' (Climate Justice Working Group) האט לעצטנס

פארענדיגט צו באשטימען די פונקטליכע קריטעריאנען צו באשטימען אויב א קאמיוניטי זאל פאררעכנט ווערן אלץ א 'שוואכערע קאמיוניטי', כדי צו פארזיכערן אז די קאמיוניטיס וועלכע געפונען זיך אויף די פראנט ליניעס און אזעלכע וועלכע באקומען בכלל ווייניגער סערוויסעס פון אנדערע בענעפיטירן פון די סטעיט'ס היסטארישע אריבערגאנג צו ריינערע ענערגיע מקורות, רעדוצירטע פארפעסטיגונג און ריינערע לופט און עקאנאמישע געלעגנהייטן. צוליב די וויכטיגע ציהל פון דעם קלימאט געזעץ, וועלן אזעלכע פראיעקטן וועלכע קומען פאר אין שוואכערע קאמיוניטיס און סערטיפיקאציע פראיעקטן וועלכע קומען פאר אין פלעצער וואו עס זענען דא שוואכערע קאמיוניטיס באקומען נאך פונקטן וועלכע וועלן זיך רעכענען ביים באשטימען אויב זייער אפליקאציע פאר קלימאט-קלוגע קאמיוניטיס גרענטס וועט אנגענומען ווערן.

די גרענטס זענען א שטאנדטייל פון א גרעסערן פראגראם צו שטיצן קאמיוניטי באשעפטיגונג אין ארטיגע קלימאט אקציע. עס זענען יעצט דא 381 רעגיסטרירטע קלימאט-קלוגע קאמיוניטיס, ארייננעמנדיג מער פון 9.4 מיליאן ניו יארקער. צו ווערן באשטימט א רעגיסטרירטע קאמיוניטי, מוזן מוניציפאליטעטן זיך פארשפרעכן צו נעמען שריטן אויף קלימאט ענדערונג מיט'ן דורכפירן אן עמטליכע רעזאלוציע וואס אנטהאלט א 10-פונקט צוזאג. זינט 2014 האבן 118 פארענדיגט דעם גרונטליכן איבערבליק פראצעדור צו דעזיגנירט ווערן אלץ סערטיפייד קלימאט-קלוגע קאמיוניטיס. די סערטיפייד קאמיוניטיס זענען געגאנגען נאך ווייטער פונ׳ם פארשפרעכונג אויף דורכצופירן און דאקומענטירן א ריי שריטן וועלכע לינדערן און פאסן זיך צו צו קלימאט ענדערונג ביים ארטיגן שטאפל. מער אינפארמאציע איבער דעם סערטיפיקאציע פראגראם איז פארעפנטליכט אויף די אינטערנעט: [https://climatesmart.ny.gov/](https://climatesmart.ny.gov/)

די קלימאט-קלוגע קאמיוניטיס פינאנצירונג פראגראמען ווערן געשטיצט דורך די סטעיט'ס ענווייראמענטאלע באשיצונג קאסע (Environmental Protection Fund, EPF). ניו יארק'ס EPF שטיצט קלימאט טויש סכנה-פארמינערונג און צופאסונג באמיאונגען, עס פארבעסערט אגריקולטורעלע מיטלען וועלכע שטיצן ענווייראנמענט-פריינטליכע אגריקולטור, עס באשיצט אונזערע וואסער קוועלער, עס שטופט פאר אפהיטונג באמיאונגען און עס שטעלט צו פארוויילונג געלעגנהייטן פאר ניו יארקער. אין די סטעיט בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2024 האט גאווערנער האקול געהאלטן די EPF פינאנצירונג אויף 400 מיליאן דאלאר — די העכסטע סומע פון פינאנצירונג אין די היסטאריע פון דעם פראגראם. די EPF שטעלט אויך צו פינאנצירונג פאר קריטישע ענווייראמענטאלע פראגראמען, צום ביישפיל אפקויפן לאנד, שיצן פארם שטחים, פארמיידונג און פארניכטונג פון ארייננדרינגענדע פרעמדע באשעפענישן, פארבעסערונג פון פארוויילונג ערטער, וואסער קוואליטעט פארבעסערונג און אן אגרעסיווע ענווייראמענטאלע גערעכטיגקייט אגענדע.

NYSERDA'ס ריינע ענערגיע קאמיוניטיס פראגראם שטיצט דעם קלימאט-קלוגע קאמיוניטיס פראגראם דורכן אפפערן נאך סטראטעגיעס און פינאנצירונג געלעגנהייטן צו ארויסהעלפן ניו יארק סטעיט לאקאלע רעגירונגען וועלכע פירן דורך ריינע ענערגיע פראיעקטן און אינציאטיוון. א ראיאנישע קאארדינעיטאר נעטווארק שטעלט צו שטיצע פאר לאקאלע רעגירונגען פאר ביידע פראגראמען. לערנט מער [אויף די אינטערנעט.](#)

דער קלימאט-קלוגע קאמיוניטיס (Climate Smart Communities, CSC) פראגראם איז אן אינציאטיוו צווישן עטליכע אגענטורן פון ניו יארק סטעיט און עטליכע אנדערע סטעיט קערפערשאפטן וועלכע ספּאנסארן דעם פראגראם, ארייננרעכענענדיג DEC, די דעפּארטמענט פון פובליק סערוויס, סטעיט דעפּארטמענט, טראנספּארטאציע דעפּארטמענט, העלט דעפּארטמענט, NYSERDA, ניו יארק פּאווער אויטאריטעט (New York Power Authority, NYPA) און די ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון היימער און קאמיוניטי רינױעל (Homes and Community Renewal, HCR).

**ניו יארק סטעיט'ס לאנד'ס-פירנדע קלימאט פלאן**

ניו יארק סטעיט'ס לאנד'ס-פירנדע קלימאט אגענדע רופט פאר א מסודר'דיגע און יושר'דיגע אריבערגאנג צו ריינע ענערגיע אויף א פארנעם וואס שאפט נייע דזשאבס וועלכע ערמעגליכן ארבייטער צו אויסהאלטן א פאמיליע, עס זעצט פאר צו שטיצן א גרינע עקאנאמיע אין אלע סעקטארן און פארזיכערט אז צום וויניגסטנס 35 פראצענט – שטרעבנדיג צו 40 פראצענט – פון די בענעפיטן פון ריינע ענערגיע און ענערגיע שפארזאמקייט אינוועסטירונגען קומען אן צו שוואכערע קאמיוניטיס. ווערנדיג געוויזן די וועג דורך די לאנד'ס מערסט אגרעסיווע קלימאט און ריינע-ענערגיע אינציאטיוון, איז ניו יארק אויף די ריכטיגע רעלסן צו ערגרייכן אירע ציהל צו האבן אן עלעקטריציטעט סעקטאר פריי פון עמיסיעס ביז 2040, אריינרעכענענדיג צו אנקומען צו 70 פראצענט פון ריינע ענערגיע אויפטרייבונג ביז 2030, און צו אנקומען צו א קאַרבאן-נייטראלע עקאנאמיע ביז די מיטן פון די יאר-הונדערט. א גרונדשטיין פון די אריבערגאנג זענען ניו יארק'ס פרעצענדענטלאזע אינוועסטירונגען אין ריינע ענערגיע, אריינרעכענענדיג איבער 35 ביליאן דאלאר אין 120 גרויסארטיגע ריינע ענערגיע אויפטרייבונג און טראנסמישען פראיעקטן איבערן סטעיט, 6.8 ביליאן דאלאר צו רעדוצירן עמיסיעס פון געביידעס, 1.8 ביליאן דאלאר צו פארגרעסערן די מאס פון סאלאר ענערגיע, מער פון 1 ביליאן דאלאר פאר ריינע טראנספארטאציע אינציאטיוון און איבער 1.8 ביליאן דאלאר אין NY Green Bank (גרינע באנק) פארפליכטונגען. די און אנדערע אינוועסטירונגען שטיצן מער פון 165,000 דזשאבס אין ניו יארק'ס ריינע ענערגיע סעקטאר זינט 2021 און א 2,100 פראצענטיגע וואוקס אין די אינדוסטריע פון פריוואטע סאלאר באנוץ זינט 2011. כדי צו רעדוצירן שעדליכע גאז עמיסיעס און פארבעסערן די קוואליטעט פון די לופט, האט ניו יארק אריבערגעפירט עמיסיע-פרייע קארן רעגולאציעס, אריינרעכענענדיג די פאדערונג אז אלע נייע פאסאנזשיר קארן און טראקס וועלכע ווערן פארקויפט אין די סטעיט זאלן זיין פריי פון עמיסיעס ביז 2035. שותפות'ן זעצן פאר צו שטופן פאראויס ניו יארק'ס קלימאט שריט, מיט כמעט 400 רעגיסטרירטע און 100 סערטיפייד קלימאט-קלוגע קאמיוניטיס, כמעט 500 ריינע-ענערגיע קאמיוניטיס און די סטעיט'ס גרעסטע קאמיוניטי לופט נאכפאלגונג אינציאטיוו אין 10 שוואכערע קאמיוניטיס אריבער די סטעיט צו ציהלן לופט פארפעסטיגונג און באקעמפן קלימאט טויש.

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418



זיך ארויסשרייבן